# דער בריוו צו די רוימער

1 פווילוס, אַ קנעכט פון ישוע המשיחן, באַרופן צו
זיין אַ שליח, אָפּגעשיידט פאַר דער בשורה
2 טובה פון ג־ט, וועלכע ער האָט פון פריער צוגע־
זאָגט דורך זיינע נביאים אין די כתבי הקודש,
3 וועגן זיין זון, וואָס איז געבוירן געוואָרן פון דער
4 זרע דוד לויטן פלייש, אַנטשיידן באַוויזן אַלס דער
בן אלקים מיט מאַכט, לויט דעם גייסט פון קדושה
דורך דעם אויפשטיין פון די טויטע—ישוע המשיח
5 אונזער האַר, דורך וועמען מיר האָבן מקבל־
געווען חסד און די שליחות צו דער געהאָרכ־
זאַמקייט פון דער אמונה צווישן אַלע פעלקער דורך
6 זיין נאָמען, צווישן וועלכע אויך איר זענט באַרופן
7 פון ישוע המשיחן; צו אַלע, וואָס זענען אין רוים,
געליבטע פון ג־ט, באַרופן (צו זיין) הייליקע: חסד
צו אייך און שלום פון ג־ט אונזער פאָטער און פון
דעם האַר ישוע המשיח.
8 קודם כל גיב איך אָפּ אַ שבח צו מיין ג־ט דורך ישוע
המשיחן פאַר אייך אַלע, ווייל איבער אייער אמונה
9 ווערט גערעדט אין דער גאַנצער וועלט. וואָרום
ג־ט, וועמען איך דין אין מיין גייסט אין דער בשורה
טובה פון זיין זון, איז מיין עדות ווי איך דערמאָן
10 אייך אָן אויפהער, אין מיינע תפילות, בעטנדיק
אַלעמאָל, אַז עס זאָל מיר שוין געלינגען, אם ירצה
11 השם, צו קומען צו אייך. וואָרום מיין פאַרלאַנג
איז אייך צו זען, כדי איך איבערצוגעבן עפּעס
12 אַ רוחניותדיקע מתנה צו אייער שטאַרקונג; דאָס
הייסט, איך זאָל מיטגעטרייסט ווערן אין אייך דורך
דער געמיינזאַמער אמונה, אייערע און מיינער.